14 זאָלט איר נאָכפאָלגן; און וואו נאָר ער וועט אַריינ־
גיין, זאָלט איר זאָגן צום בעל הבית: דער רבי
זאָגט: וואו איז מיין גאַסט־שטוב, אין וועלכער איך
15 זאָל עסן דאָס קרבן פסח מיט מיינע תלמידים? און
ער וועט אייך ווייזן אַ גרויסע אויבערע שטוב,
אויסגעשטאַט מיט הסב־בעטן, פערטיק; און דאָרטן
16 זאָלט איר צוגרייטן פאַר אונז. און די תלמידים
זענען אַרויסגעגאַנגען, און זענען געקומען אין דער
שטאָט אַריין, און האָבן געפונען אַזוי ווי ער האָט
זיי געזאָגט; און זיי האָבן צוגעגרייט דאָס קרבן
פסח.
17 און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, קומט ער מיט
18 די צוועלף. און בשעת זיי האָבן זיך אָנגעלענט
און געגעסן, האָט ישוע געזאָגט: באמת זאָג איך
אייך: איינער פון אייך, וועט מיך פאַרראַטן, דער,
19 וואָס עסט מיט מיר! (תהלים מא, ט.) האָבן זיי
אָנגעהויבן טרויעריק צו ווערן, און צו זאָגן צו
אים איינער נאָכן אַנדערן: דאָך נישט איך?
20 ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: איינער פון די
צוועלף, דער, וואָס טונקט איין מיט מיר אין דער
21 קערה. דער בן־אדם גייט טאַקע לויט ווי עס
שטייט געשריבן וועגן אים; וויי איז אָבער צו יענעם
מענטשן, דורך וועמען דער בן־אדם ווערט
פאַרראַטן! עס וואָלט געווען גוט פאַר יענעם מענטשן,
אויב ער וואָלט נישט געבוירן געוואָרן!
22 און בשעת זיי האָבן געגעסן, האָט ער גענומען
ברויט, געמאַכט אַ ברכה, האָט עס צעבראָכן, און
געגעבן צו זיי, און געזאָגט: נעמט; דאָס דאָזיקע
23 איז מיין גוף. און ער האָט גענומען אַ כוס,
האָט געמאַכט אַ ברכה, און געגעבן צו זיי; און
24 זיי האָבן אַלע געטרונקען דערפון. און ער האָט